בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
נ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ויקרא - זכור
שנת תשפ"ד


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ"ג

## • אַ גוּטֶער רֶבִּי

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם לֶעצְטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, נֵר ד' דַּחֲנֻכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ קִינְד

אַ מְלַמֵּד זָאגְט מִיר: וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ קִינְד וָואס וֶוען אִיךְ טֵייל אוֹיס צֶעטְלֶעךְ צוּ קָאלֶערְן רוּפְט זִיךְ דֶער אִינְגֶל אָן: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט"** אוּן עֶר גֶעבְּט אַ צֶעקְנֵייטְשְׁ דֶעם צֶעטְל אוּן וַוארְפְט עֶס אַרָאפּ? זָאג אִיךְ אִים: דוּ מֵיינְסְט אַז עֶר וִויל זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִיר, וָואס הֵייסְט? אִיךְ הָאבּ אִים גֶעהֵייסְן קָאלֶערְן אוּן עֶר פָאלְגְט מִיר נִישְׁט?! עֶר אִיז אַ 'מְחוּצָף'! - בֶּאֱמֶת עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער קִינְד אִיז אַ רַחְמָנוּת, אִין זַיין קָאפּ מֵיינְט עֶר טַאקֶע אַז עֶר קֶען נִישְׁט, דָאס הַאקְט מֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אִינְדֶערְהֵיים **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט"**.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר, אַ קִינְד הֶערְט פֶערְצִיג טוֹיזְנְט מָאל אַז עֶר קֶען נִישְׁט, מֶען הַאלְט אִים אִין אֵיין זָאגְן: **"זֶעסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט!" "אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט!" "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט!" "דוּ הָאסְט עֶס אוֹיסְגֶעגָאסְן, קוּק וִוי דִי קֶענְסְט נִישְׁט..." "לֵייג עֶס אַרָאפּ וַוייל דוּ קֶענְסְט נִישְׁט..."** אוּן: **"דוּ קֶענְסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן..."**

אַנְשְׁטָאט דֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דֶעם קִינְד, מַאךְ עֶר זָאל הַאלְטְן פוּן זִיךְ, עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען יָא! חַזֶר מִיט אִים: **"דוּ קֶענְסְט יָא!" "דוּ קֶענְסְט יָא!" "דוּ קֶענְסְט יָא!" "דוּ קֶענְסְט יָא נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט!" "קוּק וִוי שֵׁיין דוּ קֶענְסְט"**.

מֶען שְׁפִּילְט אַרוּם מִיטְ'ן קִינְד, מֶען הֵייסְט אִים קָאלֶערְן, אוּן נָאךְ צְוָואנְצִיג מָאל וָואס מֶען קָאלֶערְט אַרוֹיס פוּנֶעם בִּילְד לֶערְנְט מֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיס צוּ קָאלֶערְן שֵׁיין.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר מִיט קָאלֶערְן, דָאס אִיז מִיט אַלֶעס, אַז אַ קִינְד זָאגְט: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט דִי חוּמָשׁ"**, זָאגְט מֶען אִים: **"וָואס הֵייסְט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דִי חוּמָשׁ? - דוּ קֶענְסְט יָא דִי חוּמָשׁ!"**

### זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט

עֶס אִיז ווִיכְטִיג פַאר מְחַנְּכִים צוּ הַאלְטְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס, וַוייל אַז מֶען הַאלְט פוּן זִיךְ קֶען מֶען הַאלְטְן פוּן דִי קִינְדֶער.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין חַבֶר אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס מַאכְט יַעֲנְקְל?"** הָאט עֶר אִים אַוֶועק גֶעמַאכְט, פְרֶעגְט עֶר אִים וַוייטֶער: **"אוּן וָואס מַאכְט מוֹשִׁי?"** הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַוֶועק גֶעמַאכְט, אַזוֹי הָאט עֶר יֶעדְן אַוֶועק גֶעמַאכְט, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: **"וָואס אִיז מִיט דִיר?"** הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועק גֶעמַאכְט, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: **"וֶוען דוּ וֶועסְט הַאלְטְן פוּן דִיךְ, דוּ וֶועסְט ווִיסְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ', וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען זֶען אַז יַעֲנְקְל אִיז גוּט, מוֹשִׁי אִיז גוּט, אֱלִיעֶזֶר אִיז גוּט אוּן יֶעדֶער אִיז גוּט"**.

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף הָאבְּן זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, מֶען דַארְף ווִיסְן 'אִיךְ בִּין דֶער מְלַמֵּד, אִיךְ בִּין דִי לֶערֶערִין, אִיךְ קֶען אוּן אִיךְ בִּין מַצְלִיחַ'.

### מֶען גֵייט מִיךְ פָאלְגְן

וֶוען אַ מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה שְׁפִּירְן דִי קִינְדֶער גְלַייךְ צִי דֶער מְלַמֵּד אִיז זִיכֶער בַּיי זִיךְ, צִי דֶער מְלַמֵּד וֵוייסְט אַז מֶען דַארְף אִים פָאלְגְן, אָדֶער עֶר אִיז אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ. שְׁרֵייעֶן וַוייזְט אוֹיף שְׁוַואכְקֵייט, אוּן שְׁלָאגְן אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דָאס קוּמְט וֶוען מֶען אִיז אִיבֶּער גֶעמִידֶעט.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים:** דוּ קֶענְסְט מִיר זָאגְן וָואס דוּ טוּסְט הַיינְט אַנְדֶערְשׁ וִוי פַאר פִינְף יָאר צוּרִיק וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן דִיר גֶעלַאכְט אִין פָּנִים אוּן גֶעטַאנְצְן אוֹיפְ'ן טִישׁ? הַיינְט הָאסְטוּ אַ שְׁטֶעקְן? - נֵיין! דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶעמָאלְט, נָאר דֶער חִילוּק אִיז אִין דַיין מֹחַ, אָנְהֵייבּ הָאסְטוּ גֶעוואוּסְט בַּיי דִיר אִין דַיין מֹחַ: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', 'אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד', הָאבְּן דָאס דִי קִינְדֶער גֶעשְׁפִּירְט, דוּ הָאסְט זֵיי נִישְׁט גֶעדַארְפְט זָאגְן **"אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד"**... זֵיי הָאבְּן עֶס אַלֵיין גֶעשְׁפִּירְט, אוּן הַיינְט וֵוייסְטוּ אַז 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֵייט מֶען מִיךְ פָאלְגְן', נִישְׁט אַז דוּ הַאלְטְסְט אַז 'אִיךְ קֶען', נָאר דוּ וֵוייסְט אַז 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֵייט מֶען מִיךְ פָאלְגְן', דֶערְפַאר שְׁפִּירְן דָאס דִי קִינְדֶער, וֶוען דוּ עֶפְנְסְט נָאר אוֹיף דִי טִיר זֶעצְן זִיךְ דִי קִינְדֶער גְלַייךְ אַרָאפּ.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ מְלַמֵּד:** אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶועְן מְלַמֵּד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעהֶערְט קוֹלוֹת פוּן דַיין כִּתָּה, דוּ פְלֶעגְסְט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן... אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן מְנַהֵל: **"שִׁיק אִים אַהֵיים"**, אוּן דֶער מְנַהֵל פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: **"לָאמִיר וַוארְטְן נָאךְ אַ וָואךְ, לָאמִיר אִים אוֹיסְלֶערְנֶען"**, אוּן הַיינְט הֶעלְפְסְטוּ שׁוֹין אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים, אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים זָאגְן נָאךְ אִין דַיין נָאמֶען: **"רֶבִּי ... הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹי"**, וָואס אִיז גֶעשֶׁען? וָואס הָאסְטוּ גֶעטוֹישְׁט אַז דוּ בִּיסְט הַיינְט מַצְלִיחַ? - הָאסְט גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט, נָאר דוּ וֵוייסְט אִין דַיין מֹחַ 'מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר דִי קִינְדֶער פָאלְגְן'.

אִיךְ זָאג עֶס פַאר דִי פְרִישֶׁע מְלַמְּדִים, וֶוען דוּ עֶפְנְסְט אוֹיף דִי טִיר דַארְפְסְטוּ ווִיסְן בַּיי דִיךְ אַז 'מֶען גֵייט מִיךְ פָאלְגְן, אוּן אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט נִישְׁט, גֵייט מֶען מִיךְ פָאלְגְן דִי צְוֵוייטֶע מָאל, אִיךְ גֵיי זֵיי נָאכְאַמָאל זָאגְן אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן בִּיז זֵיי גֵייעֶן טַאקֶע פָאלְגְן'.

## אַ גוּטֶער רֶבִּי

הַיינְט אִיז שׁוֹין חֲנוּכָּה, יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אַיינְצוּפֶּעדֶעמֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, א): 'דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה', דֶרֶךְ אֶרֶץ קוּמְט פַאר תּוֹרָה. גֶעוֶוענְלִיךְ דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם חֲנוּכָּה, דָאס לֵייגְט מֶען אַרַיין אָנְהֵייבּ יָאר; אָנְהֵייבּ יָאר אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נִישְׁטָא קַיין סִידוּר, נִישְׁטָא קַיין חוּמָשׁ, נִישְׁטָא קַיין גְמָרָא, עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין זַאךְ 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵד, הָאבּ אִיךְ מִיט דֶעם אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס יָאר; הַיינְט אִין יְשִׁיבָה דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אָנְהֵייבְּן דָאס יָאר מִיט דֶעם, וַוייל דִי בָּחוּרִים פוּן פַארְיָאר זֶענֶען נָאךְ דָא, אוּן אַז עֶס קוּמְט אַרַיין אַ נֵייעֶר בָּחוּר שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אוֹטָאמַאטִישׁ צוּ צוּם דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דֶער טוּן אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אָבֶּער בַּיי אַ מְלַמֵד אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דִי יָאר קֶען עֶר הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה אָבֶּער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר דַארְף עֶר אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, עֶס קוּמְט אַרַיין אַ פְרִישֶׁע כִּתָּה, זֵיי קֶענֶען מִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט.

אַוודַאי הָאט מֶען אַבִּיסְל גֶעלֶערְנְט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט וִויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַרַיינְשְׁטִיפְּן, אָבֶּער אִין מַיין קָאפּ הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, צְוֵויי וָואכְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט... - אִיךְ קֶען נִישְׁט נִיצְן דֶעם אוֹיסְדְרוּק **"אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט צוּ דִי קִינְדֶער"**, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר זֵיי! דִי קִינְדֶער דַארְפְן וִויסְן 'עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, מֶען מוּז פָאלְגְן אַ רֶבִּי!' אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן שָׁעוֹת פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעטוּן אִין כִּתָּה אוֹיסֶער דֶעם, דָאס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְלֶערְנֶען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער מַאכְט אַ פַאקְס אָדֶער אַ גְרוּדֶער, אַזוֹי וִוי קִינְדֶער טוּעֶן אָנְצוּצִיעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס נֶערְוְון, מֶען וִויל זֶען וואוּ קֶען מֶען אִים אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אָבֶּער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁטַארְק שְׁטַארְק, בִּיז דִי קִינְדֶער הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט לַאכְט מֶען מִיט דֶער רֶבִּי, יֶעצְט טַאנְצְט מֶען מִיט דֶער רֶבִּי אוּן יֶעצְט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא, יֶעדֶער גֵייט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטִיל, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.

אִיךְ רֶעד נִישְׁט יֶעצְט פוּן דִי מְלַמְדִים פוּן דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפּ זֶעצְן פַאר צוּ אַ לַאנְגֶע צַייט זֵיי זָאלְן זִיצְן שְׁטִיל, אָבֶּער דָאס בִּיסְל צַייט, דִי צְוָואנְצִיג מִינוּט וָואס מֶען זֶעצְט זֵיי יָא אַרָאפּ, מוּזְן דִי קִינְדֶער זִיצְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען מוּז דַאוֶוענֶען, מֶען מוּז פָאלְגְן, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען שְׁפִּילְן אוּן טַאנְצְן.

## עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ

אָנְהֵייבּ יָאר לֶערְנְט מֶען אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז וֶוען דֶער מְלַמֵד עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר, וֶוען דִי לֶערֶערִין עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר, מוּז מֶען זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶערְנֶען, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא ווִילַאנְג דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט אַרַיין בַּיי דִי קִינְדֶער, קוֹדֶם מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵיינְמָאל דִי כִּתָּה וֵוייסְט שׁוֹין אַז מֶען דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען. בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן עֶר צֶעשְׁרֵייט זִיךְ, עֶס מַאכְט זִיךְ אַלְץ אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אִין יְשִׁיבָה מַאכְט זִיךְ עֶס אוֹיךְ, עֶטְץ קֶענְטְס הֶערְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ גֶעבּ אִין יְשִׁיבָה וִוי אִיךְ מוּז זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר"**.

אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוארְט אִיךְ אַז אֵיינֶער זָאל זִיךְ גֶעבְּן אַ רִיק אָדֶער רֶעדְן, אִ3יךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר!"** אַפָּאר מָאל הָאט קֵיינֶער אֲפִילוּ נִישְׁט גֶערֶעדְט, נָאר קֵיינֶער וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט צִי אֵיינֶער הָאט גֶערֶעדְט אוּנְטֶער אִים (דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס אִיךְ זָאג מֶען זָאל נָאכְמַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן), זָאג אִיךְ: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר"**, **"עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ"**, וַוייל דָאס אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד וָואס מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְס זָאלְטְס אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אוּן הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אַ פְרֵיילִיכֶע לִיכְטִיגֶע חֲנוּכָּה.

## וֶוען אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד...

אִיךְ וִויל אוֹיךְ רֶעדְן פוּן 'שְׁמִירַת הַזְמַנִים' פַאר דִי מְלַמְדִים. דִי לֶערֶערִינְס קוּמֶען אִין שׁוּלֶע מִיט אַ בָּאס אִיז זֵיי גְרִינְגֶער צוּ זַיין אִין צַייט, אָבֶּער דִי מְלַמְדִים וָואס קוּמֶען מִיט קַארְ'ס אִיז אַנְדֶערְשׁ... אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר זָאל מֶען מַאכְן אַ בָּאס פַאר דִי מְלַמְדִים אוּן מֶען וֶועט מוּזְן קוּמֶען מִיט דִי בָּאס... וַוייל אַז מֶען קוּמְט פְרִי אִיז דִי גַאנְצֶע טָאג גָאר אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ טְרַאכְט וֶוען אִיךְ וואוֹין וֶוען אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען מְלַמֵד, וָואלְט אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט זִיבְּן אַזֵייגֶער אוּן אַכְט אַזֵייגֶער וָואלְט אִיךְ גֶעקוּמֶען מִיט מַיין קַאר אִין חֵדֶר, אִיךְ וָואלְט פַארְקִירְט מַיין קַאר אוֹיבְן בַּיי דִי שְׁטִילֶע גַאסְן אוּן גֶעגַאנְגֶען מַאכְן אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, נָאכְדֶעם וָואלְט אִיךְ עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן, אוּן צֶען מִינוּט פַאר דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן וָואלְט אִיךְ אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין כִּתָּה זֶען צִי מֶען דַארְף נָאךְ עֶפֶּעס טוּן אֵיידֶער דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן, אִיךְ וָואלְט גֶענוּמֶען אַ בֶּעזֶעם אוּן אוֹיפְגֶערוֹימְט מַיין כִּתָּה.

דָארְט וואוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִינֶעם בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אָנְטְרִינְקֶען אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶערוֹימְט דִי כִּיתּוֹת, דִי מְלַמְדִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּפְרִי אוּן גֶעזֶען אַז דִי כִּתָּה אִיז נִישְׁט רֵיין זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין כִּתָּה, אֵיין כִּתָּה הָאט יָא גֶעלֶערְנְט מַיין כִּתָּה - כִּתָּה ט', פַארְוָואס? וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוַוארְט דֶער גוֹי זָאל קוּמֶען אוֹיפְרוֹימֶען מַיין כִּתָּה, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פְרִי, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין כִּתָּה אַ בֶּעזֶעם מִיט אַ שָׁאוְול אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֵיינְס אוֹיפְגֶערוֹימְט, מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי טִישְׁן, אוּן אָפְּגֶעוַוארְט דִי קִינְדֶער.

## אַ בְּרָכָה בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער

זַייט פְרֵיילִיךְ מִיט עֶנְקֶער אַרְבֶּעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צָאלְט צוּרִיק מִיט דֶעם אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף זֵייעֶר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין סְפָרִים שְׁטוּבּ אוּן גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַ תַּלְמִיד אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר וֵויינְט, פְרֶעגְט אִים דֶער תַּלְמִיד: **"פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי?"** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד: **"אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט דִי יְשִׁיבָה אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ פַארְהֶערְן מַיין זוּן"**, הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעפְרֶעגְט: **"אִיךְ מֶעג עֶפֶּעס זָאגְן פַאר דֶער רֶבִּי"** עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר: **"יָא, זָאג!"** הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט: עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, כו): **"כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה, וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה"**, דֶער צַדִיק בָּארְגְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר אַנְדֶערֶע אוּן זַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט, לִכְאוֹרָה - אִיז דֶען דֶער צַדִיק אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אַז עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען בָּארְגְן אַ גַאנְצְן טָאג פַאר מֶענְטְשְׁן?! אֱמֶת אַז דֶער צַדִיק אִיז אַ שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט, אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען עֶר בָּארְגְן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? אוּן וָואס אִיז דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם סוֹף פָּסוּק: **"וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה"**?

הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט: אַ צַדִיק נֶעמְט זַיין צַייט וָואס עֶר וָואלְט זֵיי גֶעדַארְפְט נִיצְן פַאר זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן עֶר פַארְבָּארְגְט עֶס פַאר מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק: **"כָּל הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה"**, דֶער צַדִיק פַארְבָּארְגְט זַיין צַייט פַאר מֶענְטְשְׁן, גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ בְּרָכָה **"וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה"**, אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם וָוארְט; פוּן וואוּ הָאט מֶען

געוואוסט אַז ער האט הנאה געהאט? ווייל ער האט עס איבער געזאגט קומענדיגע וואך ביי שלש סעודות.

יעצט חנוכה ווען מען זיצט ביי די ליכט דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם אַז דער רבי שיינט אַריין אין אונז אַ ליכטיגקייט אין די פינסטערניש, דער רבי איז אונזער רבי, דער רבי איז אונזער צדיק, דער רבי מאכט אונז ליכטיג די אויגן. עס איז דא צוויי קאפיטלעך תהלים וואס מען זינגט ביי די ליכט וואס די פסוקים גיין אויף די סדר פון די אלף בית, קאפיטל קיא: **"אודה ה' בכל לבב"**, און קאפיטל קיב: **"אשרי איש ירא את ה'"**, די ערשטע גייט אַרויף אויפ'ן אייבערשטן, און די צווייטע אויפ'ן צדיק, זאגט מען (תהלים קיב, ד): **"זרח בחשך אור לישרים"**, דער צדיק שיינט פאר זיינע מענטשן אַ ליכטיגקייט אין די פינסטערניש.

אַז מיר זענען דבוק צום צדיק, מיר אַרבעטן פאר דער רבי, און מען געבט אַוועק אַלעס פאר'ן רבי'ן, וועט דער אייבערשטער העלפן 'וזרעו לברכה', מיר וועלן האבן נחת פון די אייגענע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן כח און סייעתא דשמיא, אמן.

## בריון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### אַרויסווייזן הכרת הטוב פאר די מחנכים און מחנכות פון די קינדער

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת תצוה, ח' אדר, שנת תשע"ז לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר שטייען שוין ווייניגער ווי אַ וואך צו פורים, דארפן מיר זיך אָנגרייטן צום הייליגן יום טוב.

מוהרא"ש פלעגט זאגן בעפאר יעדע יום טוב, אַז פונקט ווי אַ בעל הבית געט פאר זיינע אַרבעטער אַ באנוס לכבוד יום טוב, אַזוי דארפן מיר נעמען נאך אַ שיעור לכבוד יום טוב אַלס אַ באנוס; פאר פורים איז כדי צו לערנען מסכת מגילה, פאר פסח מסכת פסחים און אַזוי יעדע יום טוב. עס איז אַן אַנדערע יום טוב ווען מען לערנט פונעם יום טוב, בפרט ווען מיר גייען הערן ליינען די הייליגע מגילה און אויב מען לערנט בעפאר דעם די גמרא און מדרש, איז עס אַן אַנדערע מגילה.

פארגעס נישט פון דיינע קינדער און זע צו געבן אַ טיפ פאר זייערע מלמדים, טיטשערס און באס דרייווערס. קלוגע עלטערן געבן כסדר טיפס פאר אַלע וואס טוען מיט זייערע קינדער, בפרט פורים און חנוכה; ווייל ווען דער מלמד אָדער טיטשער זעט אַז מען שעצט און מען אַנערקענט זייער אַרבעט, אַרבעטן זיי מער מיט הארץ.

עלטערן וואלטן ווען געדארפט געבן יעדן ראש חודש אַ טיפ פאר'ן מלמד, ווייל ווען אַ מלמד זעט אַז די עלטערן אינטערעסירן זיך אויפ'ן קינד געבט דער מלמד מער אַכטונג אויף דעם קינד. און פארקערט אויך, ווען אַ מלמד זעט אַז דער טאטע מאכט זיך נישט וויסנדיג אַ גאנץ יאר פונעם קינד, איז ער אויך מזלזל אינעם קינד.

איך בין געווען אַ מלמד יארן צוריק און איך געדענק די הרגשה וואס איך האב געהאט ווען איך האב זיך אָפגעגעבן מיט אַ קינד און דער טאטע האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט אַ גאנץ יאר פון מיר; איך האב בכלל נישט געדארפט דעם טיפ, עס האט מיר נאר געאַרט 'וואו איז די הכרת הטוב; איך אַרבעט מיט דיין קינד, איך לייג אַריין אין אים מיין הארץ און עס אינטערעסירט דיר נישט קיין כי הוא זה?!' דערפאר איז אַ מורא'דיגע זאך צו שיקן מיט דיין קינד כסדר 'מצוה צעטלעך' און צושרייבן אַפאר וואַרימע ווערטער פאר'ן מלמד. די פאר ווערטער וואס די עלטערן שרייבן איז חשוב'ער ווי דער גרעסטער טיפ, ווייל אַ מענטש וואס לייגט אַריין זיין בלוט און שווייס פאר אַ צווייטן און יענער איז דאס מכיר - איז דאס זייער געשמאק און אַז נישט טוט עס זייער וויי.

מאך זיך אַ פשוט'ער חשבון: דו האסט נישט קיין געדולד די פאר שעה דורכאויס שבת צו זיצן מיט דיינע קינדער, אָדער ווען דיין ווייב בעט דיר אַז דו זאלסט אַכטונג געבן אויף די קינדער ווייל זי דארף אַרויסגיין וכו', דעמאלט ווערסטו אַזוי נערוועז, און דא זיצט אַ מלמד אַ גאנצן טאג מיט דיין קינד און ער ווערט נערוועז, נישט נאר מיט איין קינד נאר מיט אַ גאנצע כתה. ווער רעדט נאך פון שלאגן און אַוועק שטופן; ווען דו רעגסט זיך אויף שלאגסטו דיין קינד און דו האסט נישט מורא אַז איינער וועט דיר פארהאלטן וכו', אָבער דער מלמד שלאגט נישט, על כל פנים דא ביי אונז שלאגן נישט די מלמדים, ווייל דער רבי האט געזאגט: "אַ קינד שלאגט מען נישט", און ווען דער מלמד שפירט אַז דער קינד נערוועירט אים קען ער גארנישט טון, נאר נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן און נאכאמאל ווייזן אַ שמייכל.

הלואי זאלן עלטערן זיך צאמנעמען און העלפן די מלמדים מען זאל זיי קענען באצאלן צייטליך און מען זאל זיי קענען העכערן די געהאלט, כדי דער מלמד זאל האבן אַביסל הרחבת הדעת, ער זאל זיין רואיג אין כתה מיט די קינדער און נישט האבן קיין דאגה אַז ער קען נישט איינקויפן אויף שבת; מענטשן מיינען אַז היינטיגע צייטן איז נישט דא אַזעלכע מעשיות וואס מען ליינט אין די מעשה ביכלעך, אַז מענטשן האבן נישט אויף שבת צו מאכן, איך זאג דיר אַז היינט זענען דא אינגעלייט וואס האבן נישט די פאר דאלער צו איינקויפן פאר שבת.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מיר זענען דורך די ערשטע פאר יאר; איך האב נישט געהאט קיין איין פרוטה צו צאלן פאר די מלמדים און יעדן ערב שבת פלעגן זיי קומען אין אָפיס מיר גריסן גוט שבת, זיי האבן געוויסט אַז עס איז נישטא קיין איין דאלער אין די ישיבה קאסע, נאר אַזוי ווי מיר האבן זייער ערליכע און איידעלע מלמדים האבן זיי נישט געבעטן קיין געלט פון מיר, אָבער ווען זיי פלעגן מיר קומען גריסן 'גוט שבת' פלעג איך רויט ווערן פאר בושה יעדע וואך. איך פלעג מיך באהאלטן פרייטאג ווייל איך האב זיי נישט געקענט קוקן אין פנים פאר בושה, איך פלעג וויינען צום אייבערשטן איך זאל זיי קענען באצאלן.

דערפאר אַז מען שיקט אַ משלוח מנות פאר דעם מלמד און פאר די טיטשער, פאר'ן מנהל און פאר די מנהלת און מען שיקט אַן הכרת

הַטּוֹב בְּרִיווּ מִיט אַ טִיפּ, אִיז אַ סִימָן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מַתָּנָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֶדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען רַייסְט נִישְׁט אוּנְטֶער אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער.

שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הָאבּ הַצְלָחָה.

...

(ספר איש יהודי, מכתב יט)

## אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט הַכָּרַת הַטּוֹב, זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מְלַמְּדוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד בַּיי דִי קְלֶענְסְטֶע כִּתָּה, וָואס זַיי וֶוערְן דְרֵיי יָאר; בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ לֵייג אַרַיין דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוּן נְשָׁמָה אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה, צִיצִית, קַאפְּל אוּן פֵּיאוֹת.

דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל צוּ, אוּן בִּפְרַט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ מְלַמֵד, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ אַזוֹי אוּן דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ אַרְבֶּעט דָא נִישְׁט וֶועגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט פַאר דִי גֶעהַאלְט, אִיךְ קֶען טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן פוּן וָואס מֶען פַארְדִינְט פִיל מֶער, נָאר צוּ זֶען מַיינֶע פֵּירוֹת פַאר דִי אוֹיגְן.

אָבֶּער יֶעצְט פּוּרִים וֶוען עֶס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ גֶעבְּן דִי הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם מְלַמֵד בַּיי דִי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי עֶלְטֶערְן שֶׁעצְן כִּמְעַט נִישְׁט, שִׁיקְן נַארִישֶׁע זַאכְן, מִיט שְׁוַואכֶע פִּדְיוֹנוֹת, אָן אַ גוּט וָוארְט, נָאר גֶע'יַרְשְׁנְ'ט פוּן אַנְדֶערֶע.

אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז בַּיי אַ גְרֶעסֶערֶע כִּתָּה בַּאקוּמְט מֶען מֶער, אָדֶער אַז עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעלְט, אָדֶער מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן גֶעפִילְן.

אוֹיבּ אַזוֹי טְרַאכְט אִיךְ צוּ פַארְלָאזְן דֶעם פְּלַאץ צוּם נֵייעֶם זְמַן; כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס אַז דֶער לָאךְ וֶועט זַיין גְרוֹיס, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אַזוֹיפִיל אִין דִי קִינְדֶער. נָאר פַאר דִי לֶעצְטֶע הַחְלָטָה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אַייךְ צִי אִיךְ זָאל עֶס טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט אַ רַבִּים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ מְלַמֵד וְכַדוֹמֶה - אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ. אַז מֶען וֵוייסְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט הָאט מֶען הֲנָאָה פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען מֵיינְט אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר דֶעם אוּן פַאר יֶענֶעם, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען זֶעט וִוי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, מֶען אִיז נִישְׁט מַכִּיר טוֹבָה וְכוּ' - בַּאקוּמְט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַעַת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן דִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין גֶעלְט; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת פוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים דָאס זָאל זַיין דַיין צִיל, אָךְ אוּן וֵויי פַאר מְלַמְּדִים וָואס אַרְבֶּעטְן צוּ בַּאקוּמֶען גֶעלְט וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט וָואס קֶען בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיֵּאל יב, ג): וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - "אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין, אַז פּוּנְקְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים אַ מְלַמֵד הָאט, וַוייל עֶר פְּלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַוַדַאי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט; קְלַאפּ אַרוֹיס דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן אָפְּלָאזְן, דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מְלַמֵד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין מְגִילָּה יג ע"ב; פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר פֶּרֶק נ) אַז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִין דִי סַנְהֶדְרִין; מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה פוּן הָמָן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צַאמְנֶעמֶען טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער, עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעדַאוֶוענְט אוּן אַזוֹי מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה (אֶסְתֵּר רַבָּה ט, ד); עֶס הָאט אִים גֶעפַּאסְט, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי רָאשֵׁי סַנְהֶדְרִין - צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער, צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קִינְדֶער - לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן אַזוֹי מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה. דַארְפְן מִיר דָאךְ זִיכֶער דָאס טוּן, בִּפְרַט וֶוער עֶס הָאט דִי כֹּחַ אוּן הַשְׁפָּעָה אוֹיף קִינְדֶער, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער - אוּן אַזוֹי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
212-444-9169 / 845-351-9060
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876